



אידיש

בסייעתא דשמיא


# זרע שמשון


געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת ויקהל-פרה תשפ"ה

גליון 408


## אמרות שמשון

### פרשת ויקהל

### מען זאל זיך צאַמנעמען שבת און לערנען תורה ברבים

**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו'** (לה, א). עס שטייט אין מדרש (ילקוט, ויקהל רמז ת"ח): מיר געפינען נישט אין די גאנצע תורה א פרשה וואס זאל זיך אנהייבן מיט די ווארט '**ויקהל**', אויסער די פרשה וואס פאנגט זיך אן מיט די ווערטער '**ויקהל משה את כל עדת בני ישראל**', און משה רבינו געבט איבער פאר כלל ישראל די מצוה פון שמירת שבת.

**זאגט** דער מדרש דאס קומט אונז צו לערנען: **אמר הקב"ה, עשה לך קהילות גדולות ודרוש לפניהם ברבים הלכות שבת, כדי שילמדו ממך דורות הבאים להקהיל קהילות בכל שבת ושבת, וליכנס בבתי מדרשות ללמד ולהורות לישראל דברי תורה, איסור והיתר, כדי שיהא שמי הגדול מתקלס ביניהם.**

**פונעם** מדרש איז משמע, אז דאס האט נישט אויסגעפעלט פאר די דור פון משה רבינו, נאר ער האט עס געטון כדי צו אויסלערנען פאר די שפעטער'דיגע דורות מען זאל אזוי טון. מען קען ערקלערן פארוואס האט דער אויבערשטער דאס געוואלט מאכן ספעציעל פאר די קומענדיגע דורות?

**וויבאלד** אין די דור פון משה רבינו וואס גאנץ כלל ישראל איז געווען צוזאמען אין מחנה ישראל, מען האט נישט געארבעט דורכאויס די וואך, מען האט געגעסן 'מן' און מען איז געווען ארומגענומען מיט די 'ענני הכבוד'. אויב נעמט מען זיך צוזאַם שבת לערנען תורה, ווייזט דאס נישט אז מען טוט דאס ווייל מען טאר נישט ארבעטן אין שבת, ווייל מען ארבעט דאך סיי ווי נישט אינמיטן וואך.

**דאקעגן** די שפעטער'דיגע דורות וואס מען איז פארנומען א גאנצע וואך מיט די ארבעט, און ווען עס קומט שבת נעמט מען זיך צוזאַמען אין בית המדרש און מען לערנט, ווייזט דאס אז מען טוט דאס ווייל דער אויבערשטער האט פארבאטן צו ארבעטן אום שבת, און דאס טוט גרויסן דער נאמען פון באשעפער, אזוי ווי דער מדרש פירט אויס: **כדי שיהא שמי הגדול מתקלס ביניהם**. (אות ב' ד"ה וכל זה)

### חשיבות פון א ציבור אינאיינעם

**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו'** (לה, א). בהמשך צו די אויבנדערמאנטע מדרש, אז דער אויבערשטער זאגט פאר משה רבינו מען זאל זיך צאמנעמען שבת קודש און לערנען תורה ברבים, אזוי וועט געלויבט ווערן און גרויס ווערן די נאמען פונעם אויבערשטן.

**מען** קען ערקלערן פשט פארוואס דער אויבערשטער וויל מען זאל זיך צאמנעמען און עס איז נישט גענוג יעדער זאל היטן שבת פאר זיך אליינ'ס. לויט ווי עס ווערט געברענגט אין שלחן ערוך (או"ח סימן רס"ח ס"ז) נאך שמונה עשרה פון מעריב ליל שבת קודש, זאגט די ציבור נאכאמאל 'ויכלו' צו זאגן עדות אלע אינאיינעם אויף מעשה בראשית. און דער ט"ז (ס"ק ה') זאגט, דאס איז נאר ווען מען דאווענט 'בציבור', אבער איינער וואס דאווענט 'ביחידות' זאגט נישט נאכאמאל ויכלו, וויבאלד מען זאגט נישט עדות ביחידות, נאר בציבור (עיי"ש).

**קומט** אויס לויט דעם, אז עס איז דא באזונדערע חשיבות ווען מען לויבט דעם אויבערשטן בציבור. אזוי ווי מען זעט אז אפילו יעדער האט שוין געזאגט 'ויכלו' ביי שטילע שמו"ע, זאגט מען עס נאכאמאל צוזאמען בציבור. ווייל ווען עס קומט צו לויבן דעם אויבערשטן, איז פארהאן א באזונדערע חשיבות ווען עס איז א ציבור אינאיינעם.

**מיט** דעם פארשטייט מען פארוואס עס איז נישט גענוג, אז יעדער איינער היט אפ שבת פאר זיך אליינ'ס, און מען דארף זיך צוזאמען נעמען אלע אינאיינעם אין ביהמ"ד לערנען תורה אדער הערן א שיעור. וויבאלד עס איז פארהאן א באזונדערע חשיבות ווען א ציבור אינאיינעם נעמט זיך צוזאם, דורכדעם וואס אלע נעמען זיך צוזאם ווערט דערקענט אז די היינטיגע טאג איז שבת און מען טאר נישט ארבעטן, און די נאמען פונעם אויבערשטן ווערט געלויבט, אסאך גרעסער און שטערקער ווי ביי יעדע יחיד באזונדער. (אות א' ד"ה וי"ל)

### מכשירי קרבן זענען נישט דוחה שמירת שבת

**שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'** (שמות לה, ב). רש"י זאגט אויפן ארט (ד"ה ששת), די תורה קומט אנזאגן די מצוה פון שבת איידער די מצוה פון בויען




תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation



הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
מוה"ר שמואל בן מוה"ר אליעזר ז"ל בהר
נלב"ע כ"ו אדר ב' ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
רבי חיים בן יעיש ורחל ז"ל
כ"ב אדר ב' תשפ"ד ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
המנוח יצחק בן שלמה ואסתר ז"ל
נלב"ע כ"ה אדר תשל"ה
וזוגתו כוכבה בת חנה ורחמים ע"ה
נלב"ע כ"ח אייר תשפ"ד ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י צאצאיהם הי"ו

לעילוי נשמת
שמואל בן לוי אטיאס ז"ל
היה רודף צדקה וחסד
נלב"ע כ"ג אדר א' ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י נכדו דניאל ספיר

הצלחה ועושר
אליאס בן אסתרייה
לברכה והצלחה בכל עסקיו בלי גבול ובלי מדה

שפע וזש"ק
יצחק בן רחל וזוגתו רינה בת לינדה
להיפקד בזש"ק ולרוב ברכה ושפע בלי גבול ומדה

הצלחה מרובה
שאול בן רחל
לשפע ברכה עושר והצלחה גדולה בעסקיו בלי דאגות ולחצים

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים התורמים ומשפחותיהם החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

הצלחה ועושר
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד ובשורות טובות בקרוב ממש

עושר ואושר
ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו ויהיה ברכה ושפע רב בקרוב ממש מתוך מנוחת הגוף והנפש וימצא חן בעיני כולם

עושר ואושר
אשר אנשיל דוד בן נילי
שיחזור בקרוב למצבו הראשון ויזכה להצלחה מרובה עשירות ושפע בלי גבול מתוך מנוחת הגוף והנפש ויבשר בקרוב בשורות טובות

הצלחה וברכה
בנימין בן תמרה
שיסתדרו לו כל בעיות המס בעסק בלי שום הפסדים ויהיה לו מנוחת הנפש והצלחה גדולה בכל עסקיו

א משכן, צו לערנען אז די מצוה פון בנין המשכן איז נישט דוחה שמירת שבת. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס זאל מען קלערן אז די מצות פון בויען די משכן איז דוחה די מצוה פון שבת?

**מען** קען ערקלערן אז די תורה קומט אונז לאזן הערן א לימוד פאר די שפעטערדיגע דורות, אויב עס ווערט זיך צוברעכן עפעס אום שבת קודש אינעם משכן אדער אינעם בית המקדש, זאל מען נישט זאגן, אזוי ווי מען מעג מקריב זיין קרבנות אום שבת (קרבן תמיד און קרבן מוסף וכו') אזוי אויך מעג מען פארריכטן אום שבת די 'מכשירי קרבן' (זאכן וואס ווערן גענוצט צו קענען מקריב זיין קרבנות, אזוי ווי די מזבח וכו') כדי מען זאל קענען מקריב זיין קרבנות אום שבת.

**דעריבער** זאגט די תורה אז די משכן איז נישט דוחה שבת, אפילו אויב צוליב דעם וועט מען נישט קענען מקריב זיין קרבנות. (אות א' ד"ה ועל עיי"ש)

## פרשת פרה

### יאָרגאַנג פון פרה אדומה • ערשטע פרה אדומה איז געבוירן אין מצרים • פרה אדומה איז נאר כשר לפי שיטת רבי אליעזר • דער איבערשטער באפעלט מצות פרה אדומה גלייך אין מרה

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עֹל** (במדבר יט, ב): עס ווערט געברענגט אין 'חז"ל' (סוטה דף מו. וברמ"מ פ"א מהלכות פרה ה"ז), איינע פון די הלכות פון פָּרָה אדומה כדי עס זאל זיין כשר צו נוצן, עס טאר נישט האבן געהאט אויף זיך א יאָך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, **אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עֹל**.

**שטעלט** זיך די קשיא, ווי אזוי האט כלל ישראל געקענט ברענגען א פרה אדומה גלייך צום אָנפאַנג פונעם צווייטן יאר ווען מ'איז ארויס פון מצרים. ווי אזוי האט מען געקענט וויסן אז דער פרה אדומה האט נישט געהאט אויף זיך קיין עול?

**טראָץ** וואס די גמרא זאגט אז מען דארף נישט חושש זיין אז דער גוי האט ארויפגעלייגט א יאך אויפן פרה אדומה. דאס איז נאר נאָכדעם וואס דער איבערשטער האט באפוילן כלל ישראל די מצוה פון פרה אדומה, און די גוים ווייסן אז די אידן וועלן באצאלן דערפאר א טייערן פרייז, דעריבער לוינט זיך זיי נישט צו לייגן א יאך אויף די פרה אדומה, ווייל אויב וועט ער לייגן א יאך, וועלן די אידן דאס נישט קויפן און ער וועט פארלירן אסאך געלט.

**אבער** איידער דער איבערשטער האט באפוילן די מצוה פון פרה אדומה קען מען זיך נישט פארלאזן אז דער גוי האט נישט ארויפגעלייגט קיין עול.

**און** אפילו אויב כלל ישראל האט פארמאגט א אייגענע פרה אדומה, ווי אזוי האבן זיי געוואוסט זיך נישט צו באנוצן דערמיט, כדי עס זאל נישט ווערן פסול, איידער זיי זענען באפוילן געווארן מיט די מצוה?

**אויב** אזוי דארף מען פארשטיין, ווי אזוי האט מען געקענט מקיים זיין די מצוה פון 'פרה אדומה' גלייך ווען מען איז ארויס פון מצרים?

◆ ◆ ◆

**די 'משנה'** אין מסכת פרה (פרק א' משנה א'), ברענגט א מחלוקת איבער דער יאָרגאַנג פון די פרה אדומה, רבי אליעזר האלט פון צוויי יאר און העכער קען מען נוצן א פרה אדומה, און די חכמים האלטן נאר פון דריי יאר און העכער.

**לויט** 'שיטת רבי אליעזר' וואס האלט אז די פרה אדומה קען זיין צוויי יאר. קען מען פאַרענטפערן אזוי ווי עס שטייט אין 'מדרש' (שמות רבה ט, יב), די מכות פאר די מצרים האט זיך אָנגעהויבן א גאנצע יאר איידער די אידן זענען ארויס פון מצרים, און פון ווען די מכות האט זיך אָנגעהויבן האָבן די מצרים מער נישט געוועלטיגט אויף די אידן און אויף זייערע פארמעגנס.

**אזוי** ווי עס שטייט אין 'חז"ל' (ראש השנה יא:), אום ראש השנה האט זיך אינגאַנצן אויפגעהערט די ארבעט פון אידן אין מצרים, (צוליב וואס די מצרים זענען געווען פארנומען מיט זייערע מכות און האבן מער נישט געקענט פייניגן די אידן).

**לויט** דעם וואלט מען געקענט זאגן, גלייך ווען די מכות האבן זיך אנגעהויבן איז געבוירן געווארן אין מצרים א פרה אדומה, און די ערשטע פאָר חדשים איז דאס געווען צו שוואך צו שטעלן זיך בכלל די בהמה דערמיט צו ארויפלייגן א יאך, אזוי האבן די אידן נישט פארמאגט קיין פעלדער וועלכע זיי האבן געדארפט באַארבעטן.

**און** גלייך נאכדעם האט דער איבערשטער באפוילן אין 'מרה' די מצוה פון פרה אדומה, כדי כלל ישראל זאל וויסן צו אכטונג געבן די פרה אדומה עס זאל נישט פסול ווערן.

**דעריבער** ווען ס'איז געקומען די צווייטע יאר און מ'האט אויפגעשטעלט דעם משכן איז די פרה געווען גענוי צוויי יאר אלט, און כלל ישראל האט געקענט מקיים זיין די מצוה כהלכתה.

**לויט** דעם קומט אויס די ערשטע פרה אדומה וועלכע כלל ישראל האט מקריב געווען איז ווארשיינליך נאר געווען לויט שיטת רבי אליעזר וועלכע האלט אז א פרה אדומה איז כשר פון צוויי יאר און העכער.

◆ ◆ ◆

**מיט** דעם פארשטייט מען פארוואס דער איבערשטער האט געדארפט באפעלן די מצוה פון פרה אדומה אין מרה, טראָץ וואס מען האט דאס נאר געקענט מקיים זיין א שטיק צייט שפעטער נאכדעם וואס מען האט אויפגעשטעלט די משכן.

**וויבאלד** לויט ווי מען האט מסביר געווען, איז די פרה אדומה געבוירן געווארן אין מצרים, דעריבער האט אויסגעפעלט מען זאל אָנזאָגן די אידן איבער די מצוה פון פרה אדומה זיי זאלן אכטונג געבן אויפן נייען פרה אדומה וואס איז געבוירן געווארן, כדי עס זאל זיין גרייט און כשר ווען מען וועט אויפבויען דעם משכן און מען וועט דארפן האבן א כשר'ע פרה אדומה צו פאַרברענען.

(עיי"ש) (פרשת חקת אות ג')

ניע נאמבער
קול זרע שמשון
פאר אידיש דרוקט 2
ארץ ישראל 02-80-80-400
ארה"ב 605-313-9610
לונדון 333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועות
• נייעס און אפדעיט'ס •
שמעו ותחי נפשכם
פאר טעגליכע דרשות און שיעורים:
לשוה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
ענגליש: 3-1 פאר אינהאלטסרייכע
אינטערוויוס 1-1-5

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 ח.מ. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו